בס״ד

# עונג שבת

# פרשת ויקהל תשס״ג

**גוט שבת אלע אידן.** משה גרינבלאט איז געווען אין שול פרייטאג צו נאכטס אין ירושלים ווען ער האט באמערקט א איד וואס איז געשטאנען אויפ׳ן זייט אין שולווארטענדיק אויף עפעס. דער איד האט אויסגעקוקט ווי א ספרד׳ישע בעל תשובה, ווייל ער האט געהאט שווארצע האר און טינקעלע הויט. משה טוט מקרב זיין אסאך אידן, בפרט דורך אהיים ברענגען געסט אויף די שבת סעודות. וועגן דעם איז משה שנעל אריבערגעגאנגען צו דעם ספרד׳ישע איד.

"שבת שלום, השם שלי משה גרינבלאט, אתה רוצה לאכול את הסעודה אצלי?" – דער ספרד׳ישע איד האט געשמייכעלט, "יישר כח, אני רוצה לבוא, השם שלי מאחי" – " איך בין אינטערעסירט, איך הייס מאחי..." האט דער ספרד׳ישע איד געזאגט פאר משה. באלד דערנאך זענען די צוויי ארויסגעגאנגען פונעם שול, גייענדיג אהיים צו משה׳ס הויז.

ווען די משפחה איז צוזאמענגעקומעןביים שבת טיש, האבן זיי אנגעהויבן צו זינגען "שלום עליכם." משה האט באמערקט אז זיין גאסט "מאחי" האט נישט מיטגעזינגען. משה האט אויפגעמישט א זמירות פאר אים, אבער עס האט נישט געהאלפן, ווייל מאחי האט נישט מיטגעזינגען. "אפשר איז ער שעמאוודיק, אדער ער איז נישט קיין בעל מנגן," האט משה געטראכט פאר זיך. בכלל האט מאחי נישט אויסגעקוקט אזוי באקוועם ביים שבת טיש.

ווען די סעודה האט זיך אנגעהויבן, האט משה באמערקט אז מאחי איז נאך אלס נישט געווען אזוי באקוועם, ווייל ער איז געבליבן שטיל און ער האט זיך ארומגעריקט אין זיין בענקל. משה האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן די פרשה און מאחי איז ב״ה געווארן אביסל מער רוהיג. נאך די פיש, האט משה דערזען ווי מאחי מישט דורך די זמירות, זוכענדיג עפעס. "דו ווילסט זינגען עפעס?" האט משה געפרעגט מאחי.

דער בחור׳ס פנים האט אויפגעלאכטן מיט א גרויס פרייד, "יא ס׳איז דא א ניגון וואס איך האב געוואלט זינגען, אבער איך טרעף עס נישט דא... ווי אזוי הייסט עס, עפעס "דודי". משה האט געוואלט אים זאגן אז מען זינגט "לכה דודי" אין שול, נישט ביים שבת טיש. אבער, ער האט זייער שטארק געוואלט מאכן באקוועם דעם גאסט, וועגן דעם האט ער געברענגט א סידור צום טיש כדי זיי וועלן קענען זינגען "לכה דודי", דעם באקאנטען ניגון פון דעם מקובל ר׳ שלמה אלקבץ זי״ע. באלד דערנאך האט די גאנצע עולם ביים טיש געזינגען "לכה דודי" כדי צו מחיה זיין דעם גאסט.

ווען זיי האבן געענדיגט זינגען "לכה דודי" איז דער בחור מאחי געווארן שטיל נאכאמאל. נאך די זופ, האט משה געפרעגט מאחי: "וועלכע ניגון ווילסטו זינגען יעצט?" מאחי האט ארומגעקוקט מיט אן אומבאקוועמליכקייט און געזאגט "איך וויל זינגען ׳לכה דודי׳ נאכאמאל." די עולם האט נאכאמאל געזינגען "לכה דודי". נאך די פלייש און די קוגל, האט משה נאכאמאל מכבד געווען מאחי מיט א ניגון און דער בחור האט געוואלט זינגען "לכה דודי". ביז זיי האבן געענדיגט די סעודה האבן זיי געזינגען "לכה דודי" 7–8 מאל!

נאך די סעודה האט זיך משה אוועקגעזעצט מיט מאחי שמועסן אביסל. די בני משפחה זענען ארויסגעגאנגען פון דעם שבת צימער. דעמאלט איז עס געווען מער באקוועם פאר משה צו פרעגן פערזענליכע פראגעס. משה האט געפרעגט מאחי "פון וואו קומסטו?"

משה האט געזען אז די שאלה איז געווען שווער פאר מאחי צו ענטפערן, ווייל מאחי האט נישט גלייך געענטפערט, נאר, ער האט געקוקט אויפ׳ן פלאר. "איך קום פון רמאלה." האט מאחי געענטפערט נאך א פאר סעקונדעס פון א אומבאקוועמליכע שטילקייט. משה איז געווארן ערשטוינט, ווייל רמאלה איז אן ערב׳יישע שטאט אין די צפון געגענט פון ירושלים, וואס איז קאנטראלירט דורך די טערוריסטן ימ״ש. משה האט געטראכט אז מסתם האט ער געמאכט א טעות, און מסתמא האט מאחי געזאגט "רַמְלֶה" וואס איז א אידישע שטאט מיט אן ענליכע נאמען צו דעם ערב׳יישער שטאט. "יא, רמלה איז א שיינע שטאט, איך האב א קרוב דארט, ער הייסט אפרים ווארנער, ער וואוינט אויף רחוב יהודה, דו קענסט אים אפשר." מאחי האט געשאקלט זיין קאפ רעכטס און לינקס א פאר מאל, זאגענדיק "ניין." "עס זענען נישטא אידן אין רמאלה."

משה האט געדארפט כאפן זיין אטעם, ווייל ער איז אריין אין א פאניק. "רמאלה, דו קומסט פון רמאלה?!?" האט משה געזאגט מיט אן איבערראשקייט.

"איך פארשטיי נישט ווי אזוי, וואס, וואו..." האט משה געזאגט ווייטער מיט א פחד. "ווי אזוי הייסטו בכלל?" האט משה געפרעגט ווייטער. "מחמוד איבן–עש שאריף..." משה׳ס פנים איז געווארן ווייס פון פחד... "לאז מיר ביטע מסביר זיין, איך בין א איד," האט מאחי געזאגט. מאחי האט אנגהויבן צו פארציילן זיין לעבן׳ס מעשה. משה האט צוגעהערט מאחי׳ס מעשה מיטביידע אויערן.

"איך בין געבוירן געווארן און ערוואקסן אין רמאלה צו אן ערב׳יישע משפחה. די ערב׳ער האבן אונז אויסגעלערנט אלס קינד פיינט צו האבן די אידן. זיי האבן אונז אויסגעלערנט אין סקול אז איינער וואס הרג׳עט א איד איז א גיבור. אבער, אלס קינד האב איך ספקות געהאט וועגן פיינט האבן די אידן. ווייל איך האט געטראכט ׳זענען די אידן נישט מענטשן אויך אזוי ווי אונז?׳ איך האב אונגעהויבן צו פרעגן מיין טאטן וועגן די ערב׳יישע שנאה קעגן די אידן. מיין טאטע האט מיך נישט געענטפערט. נאר, ער האט מיך ארויסגעטריבן פונעם הויז! איך בין געווען אזוי איבערראשט. שטעל דיך פאר, אז א טאטע ווארפט א זון ארויס פונעם הויז. אבער, איך האב זיך מיישב געווען אז איך וויל גיין וואוינען מיט די אידן צו זען וואס פאר א פאלק זיי זענען. איך בין צוריק אהיימגעקומען שפעטער ווען מיין טאטע איז נישט געווען אין די היים, כדי צו נעמען מיינע זאכן.

מיין מאמע איז געוואר געווארן וואס איז געשען און זי איז צוגעקומען רעדן מיט מיר בשעת איך האב צוזאמען גענומען מיינע רענצלעך. איך האב פארציילט פאר מיין מאמע מיינע ספקות וועגן די ערב׳יישע שנאה קעגן די אידן, און האב געזאגט פאר איר אז אפשר גיי איך זיך אפילו מגייר זיין. מיין מאמע׳ס פנים איז ווייס געווארן. איך האב געמיינט אז איך האב איר באליידיגט. אבער עס איז געווען פונקט פארקערט. זי האט מיך עפעס געזאגט און איך האב כמעט גע׳חלש׳ט. ווייל זי האט מיך געזאגט אז איך בין א איד, ווייל זי איז א איד! איך האב עס נישט געגלייבט, אבער זי האט מיך געוויזן אירע תעודת זהות פון ארץ ישראל אויף וואס עס איז געשטאנען אז זי איז א איד. זי האט מיך געגעבן מיין געבורטס צעטל און אירע אלטע תעודת זהות, כדי איך זאל קענען עדות געבן אז איך בין א איד. זי האט מיך אויך געגעבן אן אלטע בילד פון מיינע אידישע זיידעס שטייען ארום א קבר פון דער משפחה ..."

משה האט אלעס צוגעהערט, און ער האט געפרעגט מאחי אויב ער האט דעם בילד מיט אים. מאחי האט געזאגט "יא" און ער האט ארויסגענומען דעם בילד וואס איז שוין צוקנייטשט געווען. משה האט גענומען דעם בילד און ער האט כמעט גע׳חלש׳ט ווען ער האט דערזען וואס עס איז...

פאר מיר גיין רעדן וועגן דעם בילד, לאמיר אביסל רעדן וועגן דער וואכעדיגער סדרה. עס שטייט אין פרשה "...וביום השביעי יהיה לכם קדש שבת שבתון לה׳ וגו׳" (שמות לה,ב) פארוואס שטייט דעם דאפעלטע לשון פון "שבת שבתון?" ווייל די ספרים הקדושים זאגן, אז א איד טראכט וועגן שבת דעם גאנצן וואך, וועגן דעם זאגט מען "היום יום ראשון בשבת וכו׳". אבער ווען ס׳קומט שבת, איז עס א "שבת שבתון", עס איז א שבת אין נישט נאר די מחשבה, נאר אויך למעשה, וועגן דעם איז עס א "שבת שבתון."

איינע פון די וועגן ווי אזוי מען איז מקדש דעם שבת איז דורך זינגען זמירות. ביי צדיקים זענען זמירות באטראכט געווארן ווי תפילות, וואס מען טאר נישט אויסלאזן שבת. ווייל שבת זמירות האבן א געוואלדיגע כח צו מעורר זיין דעם נשמה יתירה. איז לאמיר יעצט ענדיגען אונזערע אינטערעסאנטע מעשה וואס רעדט וועגן דעם כח פון שבת זמירות.

...משה האט ארויסגענומען דעם בילד און ער האט געזען א געוואלדיגע זאך: אן אלטע ספרד׳ישע משפחה פון בערך 100 יאר צוריק איז געשטאנען ארום א ציון אין די בית החיים אין צפת עיר הקודש. משה האט געקוקט אויפ׳ן ציון און ער האט נישט געגלייבט וואס ער האט דערזענען. דער ציון האט באלאנגט פאר׳ן בעל "לכה דודי" הרה״ק שלמה אלקבץ זי״ע אליין! מאחי איז געווען אן אייניקל פון שלמה אלקבץ זי״ע, און ער האט עס אפילו נישט געוואוסט! יעצט האט משה פארשטאנען פאר וואס מאחי האט אנגעכאפט דעם "לכה דודי" ניגון! (פון <u>בין מאנסי וקרית סופר...</u> ר׳ זאב רוט, די נעמען אין די מעשה זענען געטוישט.)

ווען ס׳קומט צו זינגען זמירות שבת, לאמיר זינגען זיי מיט א גרויסע שמחה, ווייל די זמירות שבת האבן א געוואלדיגע כח צו מעורר זיין דעם נשמה יתירה וואס יעדער איד באקומט אין שבת קודש. **גוט שבת אלע אידן.**

<u>רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל</u>

"מימיני מיכאל..." מזל טוב למוה״ר אלכסנדר צוקערברוין הי״ו לרגל שמחת אירוסי בנו מיכאל בשעטומ״צ

"וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד..." מזל טוב למוה״ר יואל אשר פישל הי״ו לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ״צ

"וימצא יוסף חן בעיניו..." מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף לעפקאוויטש הי״ו לרגל שמחת לידת בתו

לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר׳ דוד ע״ה כ׳ שבט תשס״ג • לעילוי נשמת האשה החשובה פערל בת ר׳ חיים אורי ליפא נ״י • לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל

• שתיקה יפה בשעת התפילה *"כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן."* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-3234